Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# דער ייִדישער
# טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 16, נומער 1 (76)

כּיסלו תּשע״א/נאָוועמבער 2010




## באָריס אַראָנסאָנס צוויי לעבנס
## אַן אויסשטעלונג[1] אין פּאַריז

צי פֿלעגט דער מאָלער און סצענאָגראַף באָריס אַראָנסאָן (1980–1898) אין זײַנע קינדער־יאָרן צייכענען מענטשעלעך ווי דער יונגער העלד מאָטל אין שלום־עליכמס[2] דערציילונגען ? צי האָט ער אויך געכאַפּט פּעטש[3] דערפֿאַר ? אין יעדן פֿאַל איז ער, דער זון פֿון אַ קיִעווער רבֿ[4], געוואָרן אַ קינסטלער און געצייכנט אַ סך „מענטשעלעך".

אַ דאַנק בענואַ סאַפּיראָ, דער דירעקטאָר פֿון דער קונסט־גאַלעריע Le Minotaure אין פּאַריז, האָט מען געקענט באַוווּנדערן[5] די בילדער פֿון קאָסטיומען און דעקאָראַציעס וואָס באָריס אַראָנסאָן האָט געשאַפֿן פֿאַרן ייִדישן טעאַטער אין די יאָרן 1930–1920. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, פֿאָרשנדיק[6] איבער דער ייִדישער געזעלשאַפֿט[7] קולטור־ליגע, איז סאַפּיראָ פֿאַרכאַפּט[8] געוואָרן פֿון אַראָנסאָנס אַ פּאָר בילדער. האָט ער געוואָלט געפֿינען אַראָנסאָנס ווערק און זײַנע יורשים[9] צו אָרגאַניזירן אַן אויסשטעלונג. אָט די ווערק זענען געשלאָפֿן אין ניו־יאָרק בײַ אַראָנסאָנס זון אין אַ שופֿלאָד[10]. זיי זענען אינעם מאָדערניסטישן סטיל, גואַשן און צייכענונגען, אַ טייל מיט אַ סך קאָלירן, אַ טייל מיט טינט אָדער בלײַער, אַלע זייער גראַפֿיש און שטאַרק. דורך זיי קען דער עולם[11] זיך פֿאָרשטעלן די פֿאַרשיידענע פּיעסעס : דער *צענטער געבאָט*[12] פֿון אַבֿרהם[13] גאָלדפֿאַדען, *די טראַגעדיע פֿון גאָרנישט* פֿון משה[14] נאַדיר, דער *גולם*[15] פֿון ה. לייוויק, א״אַ[16]. אויף דער אויסשטעלונג זעט מען אויך הילעס[17] פֿון צײַטשריפֿטן און ביכער וואָס ער האָט געצייכנט.

[סוף זײַט 8]

1. exposition/exhibition 2. sʜoʟᴇᴍ-ᴀʟᴇʏᴋʜᴇᴍs de l'écrivain Sholem-Aleykhem/of the writer Sholem-Aleykhem 3. pris des claques/get spanked 4. … ʀoᴠ rabbin de Kiev/rabbi of Kiev 5. admirer/admire 6. faisant des recherches/doing research 7. association 8. emballé/captivated 9. ʏoʀsʜɪᴍ héritiers/heirs (*sing.* יורש ʏoʏʀᴇsʜ) 10. tiroir/drawer 11. oʏʟᴇᴍ public 12. 10e commandement/10th commandment 13. ᴀᴠʀoᴍ 14. ᴍoʏsʜᴇ 15. ɢoʏʟᴇᴍ Golem 16. און אַנדערע 17. couvertures/covers

## אַ נײַע צײַטשריפֿט וועגן ייִדיש אין פּוילן

נישט יעדן טאָג קען מען באַגריסן[1] אַ נײַע צײַטשריפֿט וועגן ייִדיש און ייִדישער קולטור. און ווען ס'איז אַזוי געראָטן[2] ווי די פֿערטליאָר־שריפֿט *צווישן*[3], וואָס איר ערשטער נומער איז אַרויס אין וואַרשע דעם זומער, איז אַוודאי[4] דאָ מיט וואָס זיך צו פֿרייען.

די איניציאַטאָרן פֿון דעם פּראָיעקט זענען אַ ייִדיש־זינגערין פֿון וואַרשע גאָלדע טענצער, און די שלום־פֿונדאַציע[5], מיט וועלכער זי פֿירט אָן. די צײַטשריפֿט ווערט רעדאַגירט דורך אַ דינאַמישער גרופּע יונגע ייִדישיסטן אין פּוילן. די הויפּט־רעדאַקטאָרשע, קאַראָלינאַ שימאַניאַק, איז ניט קיין פּנים־חדשות[6] אין דער ייִדיש־קולטור. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט זי אַרויסגעגעבן אַ צווייִשפּראַכיקע (ייִדיש־פּוילישע) אַנטאָלאָגיע פֿון דעם ייִדישן אַוואַנגאַרד אין וואַרשע. זי האָט אויך געפֿאָרשט[7] וועגן דער

[סוף זײַט 8]

1. saluer/greet 2. réussi/successful 3. *Cwiszn* (www.cwiszn.pl) 4. ᴀᴠᴀᴅᴇ bien sûr/of course 5. sʜoʟᴇᴍ… Fundacja Shalom 6. ᴘoɴᴇᴍ ᴋʜᴀᴅosʜᴇs nouvelle tête/new face 7. fait des recherches/did research

# די לבֿנה[1] ווערט קלענער







זינט מענטשן לעבן אויף דער ערד, קוקן זיי בײַ נאַכט אויף דער לבֿנה. אייניקע זעען אויף איר אַ פּנים[2] (פֿאַר ייִדן איז עס דאָס פּנים פֿון יהושע בן נון[3], וואָס האָט אָפּגעשטעלט די זון און די לבֿנה), און אַנדערע – לבֿנה־מענטשעלעך (וועלכע מע האָט אַ מאָל גערופֿן „סעלעניטן“). דאַכט זיך, אַז די לבֿנה איז איינער פֿון די באַשטענדיקסטע[4] עלעמענטן פֿון אונדזער וועלט. נאָר ניט אַלע ווייסן אַז די לבֿנה דערווײַטערט זיך פֿון דער ערד מיט דער גיכקייט פֿון אַ פֿיר צענטימעטער אַ יאָר ! און אין אויגוסט 2010 האָבן די וויסנשאַפֿטלער[5] אַנטדעקט נאָך עפּעס : די לבֿנה פֿאַרקלענערט זיך ! לעצטנס זאָל זי האָבן פֿאַרלוירן גאַנצע 100 מעטער פֿון איר דיאַמעטער ! (וואָס איז אַרום 3500 קילאָמעטער). צי וועט די לבֿנה אין גאַנצן פֿאַרשווינדן ? דאָס וואָלט געווען אַ קאַטאַסטראָפֿע ניט נאָר פֿאַר פֿאַרליבטע פּאָרלעך וואָס האָבן ליב צו שפּאַצירן בײַם שײַן פֿון דער לבֿנה אָדער, להבֿדיל[6], פֿאַר הינט, וועלף[7] און וואָלקאָלאַקעס[8]. די לבֿנה שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע פֿאַר דער ערד. זי ווירקט אויף די געצײַטן[9] און זי סטאַביליזירט מיט איר צוצי־כּוח[10] די ראָטאַציע פֿון דער ערד. אָן דער לבֿנה וואָלטן די טעג אויף דער ערד געווען פֿיר מאָל קירצער און דער קלימאַט וואָלט געווען אומדערטרעגלעך[11] – מיט שטאַרקע ווינטן און שטורעמס. בײַ אַ סך פֿעלקער איז דער קאַלענדאַר אָרגאַניזירט לויט דער לבֿנה. אַזוי איז מיטן מוסולמענישן און צום טייל מיטן ייִדישן לוח[12], ווו די חדשים[13] ווערן גערעכנט לויט דער לבֿנה. דער נאָמען „חודש“ (וואָס קומט פֿונעם וואָרט „נײַ“) האָט אַ שײַכות[14] מיט דער נײַער לבֿנה. ראָש־חודש[15] בענטשן ייִדן די נײַע לבֿנה – דער דאָזיקער מינהג[16] הייסט „קידוש־לבֿנה“[17]. אויף עטלעכע שפּראַכן, ווי צום בײַשפּיל אויף רוסיש, האָבן „לבֿנה“ און „חודש“ דעם זעלביקן נאָמען. אויף העברעיִש און אויף ייִדיש קומט דער נאָמען „לבֿנה“ פֿון איר ווײַסער קאָליר.



זינט גאָר אַלטע צײַטן גלייבט מען אַז די לבֿנה האָט אַ השפּעה[18] אויף דער מענטשלעכער שטימונג[19]. דאָס וואָרט „לונאַטיקער“, וואָס עקזיסטירט אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן, קען מיינען אָדער „משוגענער“[20] (ווי אויף ענגליש), אָדער „מענטש מיט אַ שטימונג וואָס בײַט זיך פֿון איין עקסטרעם ביז דעם צווייטן“ (ווי אויף פֿראַנצייזיש) אָדער גאָר אַ „שלאָפֿגייער“[21] (ווי אויף ייִדיש אָדער אויף פּויליש). אַפֿילו[22] אויב דער מענטש האָט באַטראָטן די לבֿנה אין 1969, האָט זי נאָך ניט אַנטפּלעקט אַלע אירע סודות[23], אָנהייבנדיק מיט איר פֿאָרמירונג מיט פֿיר מיליאַרד יאָר צוריק. נו, און פֿאַר וואָס ווערט זי קלענער ? מן־הסתּם[24] ווײַל זי האָט נאָך ניט געענדיקט דעם פּראָצעס פֿון אויסקילן זיך[25]. די וויסנשאַפֿטלער באַרויִקן אונדז, אַז זי וועט ניט פֿאַרשווינדן, אויף יעדן פֿאַל ניט אַזוי באַלד. ס'איז דאָ נאָך צײַט צו באַוווּנדערן[26] „דאָס טעלערל פֿון הימל“[27] !

## שפּריכווערטער[1] און אויסדרוקן[2]

- מען מוז די לבֿנה מחדש זײַן[3] אַזוי לאַנג ווי[4] זי שטייט. (דאָס מיינט אַז מע דאַרף אויסניצן אַ געלעגנהייט ווען זי מאַכט זיך)
- אַ לעבן, ווי די זון מיט דער לבֿנה ! (ווערט געזאָגט וועגן אַ פּאָרפֿאָלק וואָס לעבט ניט בשלום[5] און מע זעט זיי קיין מאָל ניט צוזאַמען)
- דײַן מזל[6] זאָל דיר לײַכטן ווי די לבֿנה אין סוף־חודש[7]. (אַ קללה[8], ווײַל סוף־חודש זעט מען ניט די לבֿנה)
- שיין ווי די לבֿנה אין חצי־חודש[9].

1. proverbes/proverbs 2. expressions 3. MEKhADESH ... bénir la lune/bless the moon 4. tant que/while 5. BESHOLEM en paix/in peace 6. MAZL chance/luck 7. SOF-KhOYDESH fin du mois/end of the month 8. KLOLE malédiction/curse 9. KhOTSE-KhOYDESH mi-mois/mid-month.



1. LEVONE lune/moon 2. PONEM visage/face 3. YOYSHUE BEN NUN Josué (Jos. 10 : 12-15)/Joshua (Jos. 10 : 12-15) 4. le plus permanent/most permanent 5. scientifiques/scientists 6. LEHAVDL passez-moi la comparaison/I shouldn't mention them in the same breath 7. loups/wolves (*sing.* וואָלף) 8. loups-garous/werewolves 9. marées/tides 10. ... KOYEKh force d'attraction/power of attraction 11. insupportable/unbearable 12. LUEKh calendrier juif/Jewish calendar 13. KhADOShIM mois/months (*sing.* חודש KhOYDESh) 14. ShAYKhES rapport/relation 15. ROSH-KhOYDESH néoménie/1st day of the (lunar) month 16. MINHEG coutume/custom 17. KIDESH-LEVONE bénédiction de la lune/blessing of the moon 18. HAShPOE influence 19. humeur/mood 20. MEShU'GENER fou/madman 21. somnambule/sleep-walker 22. AFILE même/even 23. SOYDES secrets (*sing.* סוד SOD) 24. MINASTA'M probablement/probably 25. refroidissement/cooling 26. admirer/admire 27. "assiette céleste", *nom qu'on donne en yiddish à la lune*/little plate in the sky, *Yiddish pet name for the moon.*

# שיין ווי די לבֿנה[1]

ווערטער : צ. טויבערג
מוזיק : י. רומשינסקי



פֿונעם באַרימטן פֿילם פֿון זשאָרזש מעליעס, „די רײַזע צו דער לבֿנה“.



שיין ווי די לבֿנה,
ליכטיק ווי די שטערן,
פֿון הימל אַ מתּנה[2],
ביסטו מיר צוגעשיקט.
מײַן גליק האָב איך געוווּנען,
ווען איך האָב דיך געפֿונען,
שײַן[3] ווי טויזנט זונען
האָט מײַן האַרץ באַגליקט[4].

דײַנע צײנדעלעך[5], ווײַס ווי פּערעלעך,
מיט דײַנע שיינע אויגן,
דײַנע חנדעלעך[6], דײַנע הערעלעך[7],
האָט מיך צוגעצויגן[8].

שיין ווי די לבֿנה...

דער מוח[9] איז מיר צעמישט[10],
איך גיי אַרום צעחושט[11],
כ׳ווייס אַליין ניט וואָס איך וויל.
איך שעם זיך, איך בין רויט,
די צונג איז בײַ מיר טויט,
איך קען ניט זאָגן וואָס איך וויל.
דו ביסט אַרײַן צו מיר
אין האַרצן אויף קוואַרטיר[12],
כ׳טראַכט ווי צו זאָגן דיר
אַז דו ביסט...

שיין ווי די לבֿנה...





## לבֿנה־גלאָסאַר

| | |
|---|---|
| לבֿנה־פֿאַזעס [LEVONE] | phases de la lune/phases of the moon |
| דער מולד [MOYLED] | nouvelle lune/new moon |
| פֿולע לבֿנה | pleine lune/full moon |
| האַלבע לבֿנה | demi-lune/half moon |
| דער הימל־קערפּער (–ס) | corps céleste/heavenly body |
| דאָס מזל (ות) [MAZL - MAZOLES] | astre/star, astrological sign |
| דער קראַטער (ן) | cratère/crater |
| דער מעטעאָריט (ן) | météorite |
| די באַהאַלטענע זײַט | la face cachée/the dark side |
| דער סאַטעליט (ן) | satellite |
| דער אָרבי׳ט (ן) | orbite/orbit |
| די גראַוויטאַציע | force de gravité/force of gravity |
| די ליקוי־לבֿנה [LIKE-LEVONE] | éclipse lunaire/lunar eclipse |
| געצײַטן | marées/tides |
| דער קידוש־לבֿנה [KIDESH-LEVONE] | bénédiction de la nouvelle lune/blessing of the new moon |



1. LEVONE lune/moon 2. MATONE cadeau/gift 3. éclat/shine 4. rendu heureux/made happy 5. dents (*dim.*)/teeth (*dim.*) 6. KHEYNDELEKH coquetteries/winning ways 7. cheveux (*dim.*)/hair (*dim.*) 8. attiré/drew me to you 9. MOYEKH cerveau/brains 10. confus/mixed up 11. TSEKHU'SHT (*ici/here* TSEKHI'SHT, *prononciation dialectale pour garder la rime/dialectal pronunciation used for the rhyme*) confus/bewildered 12. pris tes quartiers/you came to stay.

# אַ שאָכפּאַרטיע[1]

## פֿון מאַרינע אַלעקסעיעוואַ







אין אַ שיינעם זומערדיקן נאָכמיטאָג בין איך אײַנגעלאַדן
געוואָרן צו מײַן נײַעם חבֿר[2] קירילן. מע האָט זיך שוין פֿריִער
עטלעכע מאָל באַגעגנט בײַ דער פּיאַנע־לערערין אונדזערער.
ביידע פֿונעם זעלבן עלטער – אַ יאָר צען[3] – זענען מיר אָבער
דער היפּוך[4] געווען איינער פֿונעם אַנדערן. איך, אַ שוואַרצהאָריק
מיידל מיט לאַנגע דאַרע הענט און פֿיס, באַדעקטע מיט קראַצן
און ראַצן[5], האָב דעמאָלט אין זינען געהאַט בלויז איין זאַך
– דעם וועלאָסיפּעד, אַן אמתן[6], פֿאַר גרויסע, אויף וועלכן
איך בין מסוגל[7] געווען, נאָכמאַכנדיק די עלטערע קינדער,
צו ווײַזן אַלערליי קונצן און דערפֿאַר אָפּט מאָל באַזוכט
קאַנאַוועס[8] און לעכער בײַ די ראַנדן[9] וועגן און שאָסייען[10]. ווען
איך בין ניט געווען אויפֿן וועלאָסיפּעד, האָב איך געלייענט, ממש[11]
אַרײַנגעשלונגען ביכער, אַפֿילו[12] בײַ נאַכט, מיט אַ קעשענע־לעמפּל.
און קיריל, אַ קורצינקער, מיט אַזעלכע שיטערע[13] בלאָנדע האָר, אַז מע
האָט געקענט אַדורכזען די ראָזעווע הויט אויף זײַן קאָפּ, מיט גרויסע
צאַרטע מיידלשע אויגן און טויזנטער זומער־שפּרענקעלעך[14] אויפֿן
בלאַסן פּנים[15] איז פֿול געווען מיט מוזיק און האָט מער געחלומט[16]
איבער ביכער, ווי געלייענט. ניט געקוקט אויף[17] אַלע אונדזערע
אונטערשיידן און אויך אויף דעם, וואָס ער האָט אַ טבֿע[18] געקראָגן אַ
מאָל אויף מיר צו קוקן מאָדנע פֿאַרטראַכט, זענען מיר באַלד געוואָרן
גוטע חבֿרים, און איך בין דאָס מאָל צו אים יאָ געגאַנגען, כאָטש[19]
ס'איז מיר אין תּוך[20] געווען אַ שאָד צו פּטרן[21] אַ פּרעכטיקן טאָג
אַזעלכן אויף צו בלײַבן אינעווייניק.
אויפֿן שוועל[22] פֿון זײַן וווינונג האָט ער מיך רעשיק[23]
באַגריסט :
– ס'איז גוואַלדיק[24], וואָס דו ביסט געקומען ! מע וועט שפּילן שאָך.
איך האָב עס זיך נאָר וואָס אויסגעלערנט. דו קענסט שפּילן שאָך, יאָ ?
די מאַמע זאָגט, אַז דו שפּילסט גאַנץ גוט...
צי איך האָב געקענט שפּילן שאָך ? ס'איז אַזוי ווי
מע וואָלט געפֿרעגט, צי אַ מענטש קען אָטעמען
אָדער עסן. בײַ אונדז אין שטוב האָט מען
ניט געשפּילט, נאָר זיך אויפֿגעוועקט און
אַנטשלאָפֿן געוואָרן אויפֿן שאָכברעטל[25].
אויך האָט יעדער איינער געהאַט
גאָר פֿאַרשיידענע באַציִונגען
צום שאָך. די מאַמע איז
געווען אַ שאָך־מײַסטערין. די מומע, אַ מאַטעמאַטיקערין,
האָט געפֿירט שאָכשלאַכטן[26] קלוג און קינצלעריש. דער
זיידע, זייער פֿאָטער, האָט בײַ זייביידן, שמייכלענדיק,
ניט זעלטן געווונען. און די באָבע, וואָס האָט די פּאַרטיעס
מער פֿאַרשפּילט[27], ווי געווונען, פֿלעגט בײַם פֿאַרשפּילן
אָפּראַמען[28] פֿונעם ברעטל אַלע פֿיגורן פֿון ביידע קעגנער.
וואָס שייך[29] מיר, האָב איך, דאַכט זיך, צו מײַנע פֿיר יאָר,
זייער לײַטיש[30] געשפּילט מיט די גרויסע און אויך מיט
קינדער, אָבער דערנאָך האָב איך דעם שאָך אָפּגעלאָזט
פֿאַר מער ווערטפֿולע באַשעפֿטיקונגען.
קירילס אַלטינקע מאַמע האָט אונדז אַוועקגעזעצט
אינעם שמאָלן סאַלאָן בײַם שאָכברעטל און איז אַרויס
אין קיך פֿון וואַנען עס האָט זיך געהערט אַ ריח פֿון געבעקס[31]
– און דער שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן.
אַ קורצע צײַט שפּעטער האָבן מיר שוין אָפּגעשלאָגן[32] איינער בײַם
אַנדערן עטלעכע פּעשקעס[33], אַרויסגעפֿירט אויפֿן פֿעלד טורעמס און
פֿערד, ראָכירט[34] מלכים[35] און אַוועקגעשטעלט מלכּות[36] אויף זיכערע,
אָבער עטוואָס פֿאַרשפּאַרטע[37] פּאָזיציעס. קיריל האָט געטראַכט אַזוי
שווער, אַז זײַנע בלאָנדע האָר זענען אין גאַנצן נאַס געוואָרן.
און איך... פֿונעם אָנהייב אָן האָב איך פֿאַר די אויגן
געהאַט ווי אַ מין נעפּל[38], און אויך דערצו האָבן אַלע
פֿיגורן זיך געפֿירט משונה[39] באַזונדער, יעדע איינע מיט אַן
אייגענער כּוונה[40], אָן קיין שום שׂכל[41], אָן קיין שום לאָגיק.
דאָס ברעטל, וואָס אַ מאָל האָט עס צו מיר גערעדט ווי אַ
קלוגער חבֿר, איז איצט געווען שטום, ווי אַ שטיקל
האָלץ. „אפֿשר[42] בין איך קראַנק געוואָרן ?“ האָב איך
געטראַכט מיט אומרויִקייט.
פֿונעם טיי האָב איך זיך אָפּגעזאָגט[43]. ווען קיריל איז אַרויס
אין קיך, איז דער נעפּל איבערן שאָכברעטל פּלוצעם
צעגאַנגען[44]. דאָס ברעטל האָט איצט, ווי מיט
יאָרן צוריק, גערעדט צו מיר קלאָר און
דײַטלעך, אָבער זײַן שטימע איז געווען
אַ טרויעריקע. קיריל האָט געשפּילט
אויסגעצייכנט, מיט אַן אמתן טאַלאַנט,
און איך, אַ פֿאַרטרעטערין[45] פֿון אַ דינאַסטיע
שאָכשפּילער, האָב זיך, אומבאַהאָלפֿן[46]







[סוף זײַט 5]



1. partie d'échecs/chess game 2. KHAVER ami/friend, *plur.* חבֿרים KHAVEYRIM 3. une dizaine d'années/about ten years old 4. HEYPEKH contraire/opposite 5. égratignures/scratches 6. E'MESN vrai/real 7. MESUGL capable 8. caniveaux/gutters 9. bords/edges 10. chaussées/roads 11. MAMESH véritablement/truly 12. AFILE même/even 13. clairsemés/thin 14. taches de rousseur/freckles 15. PONEM visage/face 16. GEKHOLEMT rêvé/dreamed 17. malgré/in spite of 18. TEVE habitude/habit 19. bien que/although 20. ... TOKH au fond/basically 21. PA'TERN gaspiller/waste 22. seuil/threshold 23. RASHIK bruyamment/noisy 24. *ici* formidable/*here* great 25. échiquier/chessboard 26. tournois d'échecs/chess tournaments 27. perdait/lost 28. balayer/sweep away 29. ... SHAYEKH en ce qui concerne/as for 30. convenablement/quite well 31. ... REYEKH... nous parvenait l'odeur de pâtisserie/came the smell of baking 32. pris/took 33. pions/pieces 34. roqué/castled 35. MELOKHIM rois/kings 36. MALKES reines/queens 37. enfermés/enclosed 38. une sorte de brouillard/a kind of mist 39. MESHUNE étrangement/strangely 40. KAVONE intention 41. ... SEYKHL sans aucun sens/without any reason 42. EFSHER peut-être/perhaps 43. refusé/refused 44. dissipé/lifted, cleared up 45. représentante/representative 46. désemparé/helpless

# שאָך

די געשיכטע פֿון שאָך[1] איז גאָר אַן אַלטע. מע האָט עס שוין געשפּילט (מיט אַ ביסל אַנדערע כּללים[2]) אין אינדיע אַרום דעם 5טן יאָרהונדערט און אין פּערסיע אין 7טן יאָרהונדערט. אין אייראָפּע איז שאָך אָנגעקומען אינעם 11טן י״ה און אינעם 17טן י״ה האָט מען באַשטימט די דעפֿיניטיווע כּללים. הײַנט שפּילט מען עס אויף דער גאַנצער וועלט – צווישן חבֿרים[3], אויף וועלט־טורנירן[4], „בלינדערהייט“[5] אָדער מיט אַ קאָמפּיוטער. עס ווערט באַטראַכט ווי גאָר אַן איידעלע[6] שפּיל, ווו מע דאַרף אויסווײַזן אַ סך שׂכל[7] און קענען פֿאַרפּלאַנירן עטלעכע גענג[8] מיט אַ גאַנצער סטראַטעגיע פֿון פֿאָרויס.

דער נאָמען „שאָך“ קומט פֿון פּערסישן „שאַך“, וואָס מיינט מלך[9].

דער ציל[10] פֿונעם שפּיל איז טאַקע צו שטעלן דעם קעגנערס[11] פֿיגור פֿונעם מלך אין אַזאַ פּאָזיציע ווו ער האָט ניט קיין אויסוועג – און דאָס הייסט „שאַך־מאַט“.

מע שפּילט שאָך אויף אַ שאָכברעטל[12] מיט 64 ווײַסע און שוואַרצע פֿעלדער[13]. די 16 פֿיגורן הייסן מלך (אָדער קעניג), מלכּה[14] (אָדער קעניגין צי דאַמע), פֿערד (אָדער שפּרינגער צי ריטער), טורעם (אָדער ראָך), לויפֿער[15] (אָדער זקן[16]) און זעלנער[17] (אָדער פּעשקע, בויער צי פֿענדל).

בײַ ייִדן איז דער שאָכשפּיל שטאַרק באַליבט. אין יאָר 1917 איז דערשינען אין וואַרשע דאָס ערשטע *ייִדישע שאָך־לערבוך*, נאָר די אָנהייבן פֿון שאָכשפּיל בײַ ייִדן זײַנען פֿיל עלטער. שוין אַבֿרהם אבן עזרא[18], וואָס האָט געלעבט אין שפּאַניע אין 12טן י״ה, האָט אָנגעשריבן אַ שיר[19] וועגן שאָך. אין מאָדערנע צײַטן זײַנען עטלעכע פֿון די גרעסטע שאָכמײַסטער געווען ייִדן, ווי צום בײַשפּיל עמנואל[20] לאַסקער (1868-1941), אַ געבוירענער אין דײַטשלאַנד. עמעצער האָט אַפֿילו[21] אויסגערעכנט אַז 47 פּראָצענט פֿון אַלע וועלט־טשאַמפּיאָנען פֿון שאָך זײַנען געווען ייִדן אָדער פֿון ייִדישן אָפּשטאַם[22].



**משה מענדעלסאָן (לינקס) מיט די שרײַבער לעסינג און לאַוואַטער (פּאָרטרעט פֿון מ. ד. אָפּענהײַם).**

1. échecs/chess 2 KLOLIM règles/rules (*sing.* כּלל KLAL) 3. KHAVEYRIM amis/friends (*sing.* חבֿר KHAVER) 4. tournois/tournaments 5. à l'aveugle/blindfold 6. noble 7. SEYKHL intelligence 8. coups/moves 9. MEYLEKH roi/king 10. but/aim 11. adversaire/opponent 12. échiquier/chessboard 13. cases/squares 14. MALKE reine/queen 15. fou/bishop 16. ZOKN 17. *ici* pion/*here* pawn 18. AVROM Abraham Ibn Ezra (1089-1164), poète hébraïque d'Espagne/Hebrew poet from Spain 19. SHIR poème en hébreu/Hebrew poem 20. Emmanuel 21. AFILE même/even 22. origine/origin.

[סוף פֿון זײַט 4]

און שוואַך, פֿאַרטיידיקט. אַ בושה מיט אַ בזיון[47]. כ׳האָב זיך תּיכּף[48] פֿאָרגעשטעלט, ווי פֿון אַלע ווינקלען פֿונעם צימער טײַטלען[49] אויף מיר, לאַכנדיק בייז, דער משפּחהס[50] העלדן : די גרויס־מײַסטערס קאַסאַבלאַנקאַ, אַליאָכין, באָטווינִיק און טאַל.

ס׳איז מיר געוואָרן ענג און פֿינצטער, און איך האָב געוואָלט וואָס גיכער אַרויס פֿונעם צימער. שוין אינעם קאָרידאָר האָט זיך צו מיר געטראָגן די שטימע פֿון קירילן, וועלכער האָט געטרונקען טיי אין קיך מיט זײַן מאַמען.

– מאַמע, זי שפּילט אויסערגעוויינטלעך. זי איז אַ מבֿינטע[51] ! מער האָב איך עס ניט געקענט פֿאַרטראָגן.

– איך גיי אַוועק !

– דאַרפֿסט שוין אַהיימגיין ? אַזוי גיך ? צי ווילסטו, אַז די פֿיגורן זאָלן בלײַבן אויפֿן אָרט, מע זאָל עס קענען ממשיך זײַן[52] מאָרגן ?

– כ׳ווייס ניט, כ׳וועל אָנקלינגען.

אין דרויסן איז מיר געוואָרן נאָך פֿינצטערער ווי פֿריִער. פֿאַר די אויגן האָבן געטאַנצט פֿיגורן, ווײַסע און שוואַרצע, צוזאַמען מיט קירילס שמייכלענדיק פּנים. אַלץ איז מיר געווען נימאס[53], אַפֿילו דער געדאַנק פֿונעם טײַערן וועלאָסיפּעד. און איין מחשבֿה[54] האָט געשלאָגן און געשלאָגן אינעם קאָפּ : פֿאַר וואָס האָט ער מיך, דער חבֿר מײַנער, די דאָזיקע פּאַרטיע ניט געלאָזט פֿאַרשפּילן ?

47. BUSHE ... BIZOYEN la honte/shame and disgrace 48. TEYKEF tout de suite/at once 49. pointent du doigt/point at 50. MISHPOKHES de la famille/of the family 51. ME'YVNTE experte/expert (*fem.*) 52. MAMSHIKH ... continuer/continue 53. ... NIMES j'en avais assez/tired of 54. MAKHSHOVE pensée/thought.

# שפּילן





ווען איר הערט דאָס וואָרט **שפּילן**, וואָס קומט גלײַך אין זינען[1] ? קאָרטן ? צי מוזיק ? צי אפֿשר[2] גאָר פֿוסבאָל ? עס ווענדט זיך[3] אַוודאי[4] אין וואָס איר טוט מערער און וואָס איר האָט בעסער ליב.

פֿאַר וואָס די פֿראַגע ? בלויז צו ווײַזן אַז שפּילן, אין ייִדיש ווי אין אַ סך אַנדערע שפּראַכן, האָט אַ ברייטערן באַטײַט[5] ווי מען מיינט. לאָמיר ערשטנס נעמען מוזיק : ער שפּילט פּיאַנע, זיי האָבן געשפּילט מאָצאַרט, זי וועט שפּילן אַ סאָלאָ מיט איר אָרקעסטער. ווען עס גייט אין[6] טעאַטער קען מען זאָגן : די אַקטריסע האָט גוט געשפּילט איר ראָלע, ער וויל שפּילן האַמלעט, די טרופּע וועט שפּילן שלום־עליכם[7]...



ווי איר זעט, ווען עס האָט צו טאָן מיט מוזיק אָדער טעאַטער, איז דאָס (פֿון אַ גראַמאַטישן קוקווינקל[8]) געבויט מיט אַ דירעקטן אָביעקט. ווען עס גייט אין ספּאָרט אָדער אַזאַרטשפּיל[9] אָדער קינדערשפּיל, גיט מען צו (געוויינטלעך[10]) די פּרעפּאָזיציע „אין“. צום בײַשפּיל : זיי שפּילן אין טעניס, אין שאָך, אין כאַפּערלעך[11]... ווען עס גייט אין גלאַט פֿאַרווײַלונג[12], ווערט דער ווערב רעפֿלעקסיוו : די קינדער שפּילן זיך אין פּאַרק, דאָס קעצלע שפּילט זיך מיט אַ שטריק... ווען אַ בחור[13] פֿאַרפֿירט[14] אַ מיידל קען מען זאָגן אַז ער האָט זיך מיט איר געשפּילט. דאָס קומט פֿאָר אין פֿאָלקסלידער, אין ליטעראַטור, און אויך אין לעבן.



אַן אָרט ווו קינדער שפּילן זיך איז אַ **שפּילפּלאַץ**, דאָס מיט וואָס מע שפּילט הייסט **שפּילוואַרג**[15] אָדער **שפּילצײַג**[15], און איין זאַך אַזאַ – אַ ליאַלקע[16], אַ דריידל[17], אַ בלײַענער זעלנער[18], אָדער הײַנט צו טאָג אַ „גיים־בוי“ – הייסט אַ **שפּילכל**[19].

אַ פּאָר טשיקאַווע[20] אויסדרוקן[21] מיטן וואָרט שפּילן : ווען אַ ווײַן האָט בלעזעלעך[22] זאָגט מען אַז ער **שפּילט**[23]. **די קאָרטן שפּילן אים** מיינט אַז ער האָט געקראָגן גוטע קאָרטן, אַז ער האָט געהאַט מזל[24]. **זי מעג שוין הערן שפּילן** : דאָס איז אַ פֿאָלקסטימלעכער[25] אויסדרוק וואָס אויב מען האָט עס קיין מאָל ניט געהערט הייבט מען ניט אָן צו וויסן[26] וואָס עס קען מיינען. מע זאָגט עס (אָפֿט מאָל מיט אַ זיפֿץ[27]) רעדנדיק וועגן אַ מיידל ווען מע מיינט אַז ס'איז שוין צײַט זי זאָל חתונה האָבן[28]. די אַלוזיע צו שפּילן מיינט אַז זי וואָלט שוין געדאַרפֿט הערן די קלעזמאָרים[29] אויף איר חתונה. ווען צוויי מענטשן **שפּילן אַ ליבע** איז קלאָר אַז דאָס איז ניט אַזוי ערנסט ווי אַז זיי פֿירן אַ ליבע... אָדער זיי ליבן זיך.













אויב מע וואַרפֿט אַרײַן עטלעכע קאָנווערבן און פּרעפֿיקסן באַקומט דער ווערב **שפּילן** אַנדערע באַטײַטן :

**פֿאַרשפּילן** מיינט פֿאַרלירן אין שפּיל, אָדער, ווי מע זעט אינעם ליד אויף ז' 7, אויך אין לעבן.

**צושפּילן** אין מוזיק מיינט באַגלייטן[30] און אין אַ ברייטערן קאָנטעקסט – זײַן מזלדיק[31] (אַזוי ווי אינעם אויסדרוק **דאָס מזל האָט אים צוגעשפּילט**).

**אָפּשפּילן** האָט פֿאַרשיידענע ניואַנסן : דאָס קינד האָט אָפּגעשפּילט צוויי שעה[32] אויף דער פּיאַנע ; די מעשׂה[33] האָט זיך אָפּגעשפּילט[34] בײַ מיר אין שטעטל ; ער האט מיר אָפּגעשפּילט אַ מיאוס שטיק[35].

**אַרײַנשפּילן עמעצן אין די הענט**[36] : אים ניצלעך זײַן פֿאַר זײַנע פּלענער, אים העלפֿן, נישט ווילנדיק, אין זײַנע פּלענער. דאָס קען פּאַסירן אין שאָך, אין ברידזש, אין פּאָליטיק, אין אַלע מענטשלעכע באַציִונגען. זעט איר דאָך אַז דעם קאָנצעפּט **שפּילן** ניצט מען אַ סך אינעם לעבן... כאָטש[37] ס'איז אויך קלאָר אַז דאָס לעבן איז אין גאַנצן נישט קיין שפּיל !

1. à l'esprit/to mind 2. EFSHER peut-être/perhaps 3. ça dépend/it depends 4. AVADE bien sûr/of course 5. signification/meaning 6. il s'agit de/it's a question of 7. SHOLEM-ALEYKHEM 8. point de vue/viewpoint 9. jeu de hasard/game of chance 10. d'habitude/usually 11. à chat/tag 12. simplement de s'amuser/just having fun 13. BOKHER jeune homme/young man 14. séduit/seduces 15. jouets/toys 16. poupée/doll 17. toupie/top 18. soldat de plomb/tin soldier 19. jouet/toy 20. curieux/curious 21. expressions 22. bulles/bubbles 23. pétille/sparkles 24. MAZL chance 25. populaire/folk 26. on n'a aucune idée/you have no idea 27. soupir/sigh 28. KHA'SENE ... se marier/get married 29. musiciens/musicians 30. accompagner/accompany 31. MA'ZLDIK chanceux/lucky 32. SHO heures/hours 33. MAYSE histoire/story 34. s'est passé/took place 35. MIES ... un sale tour/a dirty trick 36. faire le jeu de quelqu'un/play into s.o.'s hands 37. bien que/although.

# רעטעניש[1]

## ווער בין איך ?

- זעסט מיך דאָרט ווו אַלץ הייבט אָן זיך,
און איך בין אין מיטן[2] גאַס.
קיינער האַלט מיך נישט פֿאַר ערנסט,[3]
ווײַל מע ווייס : איך בין אין שפּאַס[4].

- אַ ווײַסער מויער[5]
און אַ געלער מויער ;
וויל מען צוקומען צום געלן,
מוז מען צעברעכן דעם ווײַסן.

- אַ לײַלעך[6] געשפּרייט,[7]
אַרבעס[8] צעזייט,[9]
אַ טעלערל אין מיטן.

- מײַן טאַטנס אַ זון
און מײַנער ניט קיין ברודער,
ווער איז דאָס ?

[די ענטפֿערס אויף ז׳ 8]

1. devinettes/riddles 2. au milieu/in the middle of 3. prend au sé-rieux/takes me seriously 4. plaisanterie/in jest 5. mur/wall 6. drap/sheet 7. étendu/spread 8. petits pois/peas 9. semés/sowed.

# סודאָקו[1]

דאָס איז אַ ייִדישער „סודאָקו“. די אותיות[2] „א“ ביז „ט“ שטעלן מיט זיך פֿאָר[3] די ציפֿערן 1 ביז 9. דער ציל[4] פֿונעם שפּיל איז אויסצופֿילן דעם דיאַגראַם אַזוי אַז יעדער אות זאָל פֿאָרקומען בלויז איין מאָל אין עידער שורה[5], אין יעדער קאָלאָנע[6] און אין יעדן קוואַדראַט[7].

1. Sudoku 2. OYSYES lettres/letters ; *sing.* אות OS. 3. représentent/represent 4. but/aim 5. SHURE ligne/line 6. colonne/column 7. case/box.

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ה | ו | ז | | | | | | ב |
| | ג | ט | ו | | | ה | | |
| ד | | | ז | | | א | | ט |
| ז | | | א | | | | ד | |
| | א | ג | ד | | ב | ח | ה | |
| | ד | | | | ג | | | ו |
| ו | | ה | | | ט | | | ד |
| | | א | | | ו | ז | ח | |
| ח | | | | | | ו | ט | א |

[לייזונג אינעם קומענדיקן נומער]

# ווו זענען מײַנע יונגע יאָרן

ווערטער און מוזיק : דוד[1] מייעראָוויץ

ווו זענען מײַנע יונגע יאָרן ?
ווו זענען מײַנע צײַטן ?
איך האָב פֿאַרשפּילט[2] מײַנע יונגע יאָרן
אַזוי ווי מען שפּילט אין קאָרטן.

און ווען מען טוט אין קאָרטן שפּילן
שפּילט מען דאָך אין געלט
און איך האָב פֿאַרשפּילט מײַנע יונגע יאָרן
אַזוי ווי מײַן שיינע וועלט.



1. DOVID 2. perdu (au jeu)/lost, wasted.

# שפּריכווערטער[1]

- ווען צוויי שפּילן אין קאָרטן מוז איינער געווינען און איינער פֿאַרלירן.
- ווי מען שפּילט אַזוי טאַנצט מען. (ווי די טאָנגעבערס באַשליסן, אַזוי דאַרף מען זיך פֿירן).
- שפּילן די גרילן[2] טאַנצן די וואַנצן[3]. (אַלוזיע אויף אַ יום־טובֿ[4] בײַ אָרעמע לײַט)
- אַז דאָס מיידל קען ניט טאַנצן זאָגט זי – די קלעזמער קענען ניט שפּילן.

1. proverbes/proverbs 2. criquets/crickets 3. punaises/bedbugs 4. YONTEF fête/celebration.

[סוף פֿון זײַט 1]

## הילע פֿון דער צײַטשריפֿט „האַמער“




באָריס אַראָנסאָן האָט געלעבט אין די יונגע יאָרן אין קיִעוו. דאָרט האָט ער, מיט דעם טאַטנס דערלויבעניש, שטודירט אין דער קונסטשול. אין יענער צײַט האָט געבליט[18] דער רוסישער אַוואַנגאַרד. ער האָט אָנטייל גענומען אין דער קולטור־ליגע (געשאַפֿן אין 1918), אַ געזעלשאַפֿט פֿאַר ייִדישער קונסט, ליטעראַטור און דערציִונג[19]. דעמאָלט האָט ער זיך פֿאַראינטערעסירט מיט טעאַטער און זיך געלערנט סצענאָגראַפֿיע. אין 1920 איז ער געפֿאָרן קיין מאָסקווע און געאַרבעט פֿאַרן ייִדישן מלוכה[20]־טעאַטער. שפּעטער האָט ער געאַרבעט אין בערלין און פּאַריז. אין 1923 האָט ער עמיגרירט אין ניו־יאָרק און ווײַטער געאַרבעט ווי דעקאָראַטאָר פֿאַר דער ייִדישער בינע[21], דער עיקר[22] פֿאַר מאָריס שוואַרצעס קונסט־טעאַטער.

פֿון 1930 אָן האָט ער באַשלאָסן צו אַרבעטן אויף בראָדוויי (ווו ער האָט געווונען אַ פּאָר מאָל די „טאָני־פּרעמיע“[23]) און האָט זיך אין גאַנצן דערווײַטערט פֿון ייִדישן טעאַטער. אפֿשר[24] דערפֿאַר האָט מען שיִער נישט[25] פֿאַרגעסן אָט די ווונדערלעכע בילדער און אַז אַראָנסאָן האָט ווי אַ קינסטלער געהאַט צוויי לעבנס.

די וואָס האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו זען די אויסשטעלונג קענען הנאה האָבן[26] פֿונעם שיינעם בוך וואָס די גאַלעריע Le Minotaure האָט אַרויסגעגעבן מיט זײַנע בילדער אַרום ייִדישן טעאַטער, און אינטערעסאַנטע טעקסטן וועגן זײַן קינסלערישן וועג.

18. fleurissait/blossomed 19. éducation 20. MELUKhE d'État/State 21. scène/stage 22. ... IKER principalement/mainly 23. Tony Award, récompense à Broadway/theatrical prize 24. EFSHER peut-être/perhaps 25. on a failli/nearly 26. HANOE ... prendre plaisir/enjoy.

[סוף פֿון זײַט 1]

שרײַבערין דבֿורה פֿויגל[8] און לעצטנס האָט זי געענדיקט איר דאָקטער־אַרבעט וועגן דער ייִדישער קריטיק.

די צײַטשריפֿט איז אויף פּויליש. דער ערשטער נומער איז געווידמעט ייִדיש אין דער הײַנטיקער וועלט : מרים[9] טרין, אליעזר[10] ניבאָרסקי און שמעון[11] נויבערג דערציילן ווי צו דערציִען קינדער אויף ייִדיש. שלום בערגער פֿון ניו־יאָרק און זשיל ראָזיע פֿון פּאַריז רעדן וועגן דער נײַסטער ייִדישער ליטעראַטור. דער ברייטער פֿאַרנעם[12] פֿונעם הײַנטצײַטיקן ייִדישלאַנד ווערט אילוסטרירט מיט אַרטיקלען וועגן האַמבורג און מעלבורן. אויך דער ליטעראַרישער טייל איז געווידמעט נאָכמלחמהדיקע[13] שאַפֿונגען, דורך איבערזעצונגען אויף פּויליש פֿון ייִדישער פּראָזע אין ישׂראל[14] – פֿון יאָסל בירשטיין (1920-2003), אַבֿרהם[15] קאַרפּינאָוויטש (1913-2004), און מיכאל[16] פֿעלזענבאַום.

אַ באַזונדערער אָפּטייל ווערט אָפּגעגעבן דעם אָנדענק פֿון לעצטנס פֿאַרשטאָרבענעם פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער (1913-2010), וועמענס פּאָעמע „צו פּוילן“ (1946) ווערט אָפּגעדרוקט אין איבערזעצונג און אין אָריגינאַל. מיט אַ סך אַנדערע אַרטיקלען וועגן ייִדישער שפּראַך, געשיכטע און קונסט גיט




דער ערשטער נומער אַ רײַכן איבערבליק[17] איבער דעם ייִדיש־לעבן און ־שאַפֿן אין פּוילן און אַנדערשווו אויף דער וועלט.

און פֿאַר וואָס דער טיטל *צווישן* ? ווי עס זאָגט קאַראָלינאַ שימאַניאַק אינעם לייט־אַרטיקל[18], איז דער טיטל צו גלײַך[19] די פֿילאָסאָפֿיע פֿון דער צײַטשריפֿט : צווישן פּויליש און ייִדיש, צווישן פֿאַרגאַנגענהייט און איצט, צווישן פֿאַרשיידענע זשאַנערס און אויסדרוק־מיטלען[20].

8. DVOYRE Debora Vogel (1900-1942) 9. MIRYAM 10. ELIEZER 11. ShIMEN 12. étendu/scope 13. NO'KhMILKhOMEDIKE d'après-guerre/postwar 14. YISROEL Israël 15. AVROM 16. MIKHOEL 17. panorama/overview 18. éditorial 19. à la fois/at the same time 20. moyens d'expression/means of expression.

[די ענטפֿערס פֿון ז' 7]

1. דער אות „אַלף“[1] 2. אַן איי 3. דער הימל, די שטערן און די לבֿנה[2] 4. איך.

1. OS ALEF la lettre "alef" (A)/the letter 'alef' (A) 2. LEVONE lune/moon.

דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
אַקווילע, יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ,
עוולין, רובי.

YIDISHER TAMTAM
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
29 rue du Château-d'Eau
75010 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com

מע קען אויך לייענען דעם ייִדישן *טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com
Prix : 2,50 euros פּרײַז : 2,50 אייראָ